חורבן "בילגור" (1956)

צווייטן מאל האט דער קליינער שמואל אליהו, אָנגעוויזן אויף די זעלבע דריי קאָזאקן.

מען האט די דריי קאָזאַקן באלד ארעסטירט. אויף דעם צווייטן טאָג איז פארגעקומען דער משפט, און מען האט יעדן פאר׳משפט צו 18 יאָר תפיסה.

אין זעלבן יאר האט דער קיסר ניקאליי געמאכט א באזוך אין „גוט״ ביי טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, אויפן וועג, פאָרענדיק אין זיין גוט, האט דער ברודער פון דער אלמנה אסתר, נטע קראנענבערג אפגעגעבן א ביטע דעם קיסר.

אין א צייט ארום, האט די אלמנה אסתר באקומען א בריוו מיט 5 גאָלד רובל פון דער קיסר׳טע, זי אליין האט זיך פארנומען מיט די וווילטעטיקע זאכן, זי האט געשריבן, אז אין דעם דאזיקן יאר איז געוועזן זייער פיל אומגליק־פאלן און די קאַסע האט מער נישט קיין געלט.

יהודה לייפטאן



# די חתונה אויפן בילגורייער בית־הקברות

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין בילגוריי האט געבושעוועט די כאָלערע ר״ל, מענטשן זענען געפאלן ווי די פליגן, די חברה־קדישא האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן קובר צו זיין די מתים וואס זענען געפאלן יעדן טאג, מער און מער.

דער אלטער גרייז־גרויער רב איז כסדר געזעסן פארטיפט אין די ספרים און געזוכט סגולות אָפצושטעלן די כאָלערע, מען האט אויף אלע טירן אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „עס איז קיינער נישט דאָ״ (אָפצונארן דעם מלאך־המות...), און אז די אלע סגולות האבן נישט געהאלפן, האט קהל באשלאסן, אויסצופרוון די באוווסטע סגולה, צו שטעלן א חופה אויפן בית־הקברות.

עס האט לאנג נישט געדויערט, ווייבער, צדקה טוערינס אין שפיץ מיט גיטל משה־איציס, האבן זיך אנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה פון דער שטומער מאַטל, וועלכע איז שוין אין די עלטערע יאָרן, האט נאך דעם קאָפּ נישט פארדעקט, מיט יחזקאלע וויאָטש דער שטאָט וואַסער־טרעגער.

מען האט אנגעהויבן שאפן מלבושים פאר חתן כלה, מענטשן האבן געגעבן פון כל־טוב, וואס טוט מען דען נישט, בכדי אָפּצושטעלן די פינסטערע מגפה ר״ל.

אין א געוויסן פארנאכט, האט זיך פון געסל אונטערן רודניקער שטיבל, ווו עס האט געוווינט די שטומע מאַטל, ארויסגעלאזט אויסגעפוצטע מחותנים, מיט ליכט אין די הענט, פירנדיק חתן כלה צו דער חופה.

יחזקאל׳ע דער חתן־בחור, איז געגאנגען א פריילעכער, אָנגעטון אין שיינע מלבושים.

פון מינוט צו מינוט האט זיך דער עולם פארגרעסערט, מען האט פארגעסן פון דער כאָלערע ר״ל, וואס בושעוועט אין שטאט. אלטע פרויען מיט שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ, האלטן אין איין וויינען, האלטן די חתונה פאר א גרויסער מצוה און א סגולה אָפּצושטעלן די מגפה.

צוקומענדיק צום בית־הקברות, איז געווען א טויט־שטילקייט. מען שטעלט אויף די חופּה, אונטער וועלכער מען פירט ארונטער די כלה, מען דרייט ארום דעם חתן זיבן מאָל און מען שטעלט אים נעבן דער כלה.

דער רב נעמט דאס רינגל, גיט עס יחזקאלין און זאגט מיט אים ווארט ביי ווארט „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל״. יחזקאל׳ן, קומט זייער שווער אָן נאכצוזאגן דעם „הרי את״, ער איז אזוי צעטומעלט, אז ער פילט אפילו נישט ווי מען האט אונטער זיין פוס דאס גלעזל אונטערגעלייגט. יחזקאלע גיט א שטארקן קלאַפּ מיטן פוס און פון אלעמענס מיילער רייסט זיך ארויס, מזל־טוב! מזל־טוב!

צוריק פון דער חופּה, טאַנצט גיטל משה־איציס מיטן גרויסן קוילעטש און דער עולם פארלאזט דאס בית־הקברות.

נאך דער חתונה, האט זיך די מגפה ביסלעכוויז אפּגעשטעלט. די שטימע מאַטל האט ווייטער געוווינט אין איינגעפאלענעם הייזל אונטער דעם רודניקער שטיבל, יחזקאלע, האט ווייטער געטראגן וואסער פאר די בילגורייער בעל־הבית׳טעס און געוווינט אין שטאטישן־הקדש.

א. כתהרי



# חֲלוֹם

לזכר בילגוריי עירת מולדתי

הַלַּיְלָה הָיִיתִי בַּעֲיָרַת מוֹלֶדֶת
בְּנוֹף שֶׁיָּקָר לְלִבִּי בְּהִלּוֹ. —
בִּבְאֵר יַלְדוּתִי בָּבוּאָה עוֹד רוֹעֶדֶת,
בֵּית אַבָּא עֲדַיִן עוֹמֵד עַל תִּלּוֹ.

בַּעֲצֵי עַרְמוֹנִים מִשְׁתַּלְהֵב כְּבָר הָאֹדֶם:
טִבְעוֹ שֶׁל הַסְּתָו בְּפוֹלִין הוּא בְּכָךְ.
אֲנִי וְאָחִי מִשְׁתָּרְכִים כְּמִקֹּדֶם,
בִּשְׁבִיל סֻכָּתֵנוּ נוֹשְׂאִים אָנוּ סְכָךְ.

הָרוּחַ רוֹדֶפֶת עָנָן בָּרָקִיעַ,
הָעֶרֶב הַגֶּשֶׁם לָבוֹא לֹא יָהִין.
עוֹד רֶגַע וְאָנוּ הַבַּיְתָה נַגִּיעַ,
מִיָּד נְקַשֵּׁט סֻכָּתֵנוּ כַּדִּין.

קָרַבְנוּ לַבַּיִת; — גּוֹיִם בְּקִנֵּנוּ!
לַשָּׁוְא עוֹד חִפַּשְׂתִּי סֻכַּת הַשָּׁלוֹם.
אָחִי אֶת עָמְסוֹ לִי הִשְׁאִיר — וְאֵינֶנּוּ!
לְבַד שָׁם בָּכִיתִי עַד סוֹף הַחֲלוֹם!

שמואל בן־ארצי (האָן)